ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִיש**

## פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

תשפ"ד

322

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל אִיךְ זִיךְ גֶט'ן אֵיידֶער אִיךְ אַנְטְלוֹיף?..................................א

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים נַיינְטְן חוֹדֶש?..................................ב

פַארְוָואס ווִיל מַיין מַאן מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן?..................................ג

ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ, נָאכְ'ן כַאפְּן קְלֶעפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?..................ו

אִיז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב?..................................ז

אִיז ווִיכְטִיג צוּ מַאכְן אַ מִצְוָה טַאנְץ בַּיי דִי חֲתוּנָה?..................................ט

זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין אִין מִקְוֶה?.................................. יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן, לוֹיפְט מֶען אַרַיין אִין אַ פַארְמַאכְטֶע שְׁטוּבּ..................א

וָואס זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי בַּת מִצְוָה..................................ב

נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט בַּיים מַדְרִיךְ זַיין חֲתָנִים וְכַלוֹת..................................ב

ווִילְסְט לֶערְנֶען בַּיי מִיר? בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין דַיין שְׁטָאט..................ג

בַּאהַאנְדְלֶען דִי לֵיים קְרֶענְק..................................ג

זִיךְ לֶערְנֶען צוּ זַיין אַ דָאקְטֶער פַאר פְרוֹיעֶן בְּעֵת שִׂמְחָתָם..................................ד

מִיר גֵייעֶן שְׁטַייטְלִיךְ מִיט גוּטְן, וַוייל מִיט כֹּחַ פּוֹעֶלְ'ט מֶען נִישְׁט..................................ד

ווִיכְטִיגֶע אֲסִיפָה פַאר דִי מַאמֶעס וָואס שִׁיקְן אִין בֵּית פֵּיגָא..................................ה

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קִילְט אָפּ דִי שָׁלוֹם אוּן דִי אַהֲבָה אִין שְׁטוּבּ..................................ו

הֶעלְף דַיין וַוייבּ אִינְדֶערְהֵיים, זִי זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן..................................ז

קוּק וָואס דוּ הָאסְט יָא אוּן וָואס דוּ בִּיסְט יָא גוּט ....................................... ח

מַאךְ אַלֵיין דֶעם חֶשְׁבּוֹן, אִיז דִי סָארְט טֶעלֶעפָאן גוּט פַאר דִיר? ........................ ח

קֶענְסְט אַלֶעס טוּן, אָבֶער פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן וֶוערְט מֶען פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת ........ ט

עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר אוּן פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן ............................. י

קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן ........................ יא

אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא ................................................. יב

גֶענוּג לֶעקְטֶער צוּ קֶענֶען מַאכְן הֵייצוּנְג אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה ........................ יב

צוּשְׁטֶעלְן הֵייצוּנְג פַאר דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה .......................................... יג

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה ........................ יד

זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם ..................................... יז

מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין קִירוּב קְרוֹבִים ........................... יט

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה ...................................... כ

מְכַבֵּד זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט .......... כ

קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר פְרֵיילִיךְ אוּן דוּאִיג ................................... כא

וִוי קֶען אִיךְ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ אָן אַ מִקְוֶה? ........................................ כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ'ן אֵיידֶער אִיךְ אַנְטְלוֹיף?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מֹחַ אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט פַאר אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן צוּ מִיר, אוּן וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעזֶען.

אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַ מַצָּב וָואס אִיךְ וִויל אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אַנְטְלוֹיפְן, אוּן טוּן וָואס מַיין הַארְץ צִיעֶט מִיר.

אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ גֶטְ'ן אֵיידֶער אִיךְ אַנְטְלוֹיף?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוּ וֶועסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן? נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, הָאסְט אֵיין בְּרֵירָה: אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ גוּט אוֹיסְרֵוויינֶען צוּ אִים, גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער.**

**חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ גֶטְ'ן, חַס וְחָלִילָה גֵיין צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב; וָואס מֵיינְסְטוּ, עֶס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער נָאכְן זִיךְ גֶטְ'ן? עֶס וֶועט דִיר זַיין אַזוֹי בִּיטֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אַז דוּ לַיידְסְט, עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶס פְלַאקֶערְט אִין דִיר אַ פֵייעֶר פוּן עֲבֵירוֹת - זָאלְסְטוּ דָאס פַארְלֶעשְׁן מִיט וַואסֶער, "אֵין מַיִם אֶלָּא תּוֹרָה" (עַיֵּין תַּעֲנִית ז.) ; נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה - וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין בְּלָאטֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) : "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ הָאסְט, אוּן זַיי שְׁטַארְק מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים נַיינְטְן חוֹדֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט נָאכְאַמָאל פְרֶעגְן - אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קֵיין עֶנְטְפֶער - וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים נַיינְטְן חוֹדֶשׁ? אִיז דָא בַּיי אוּנְז סְפֶּעצִיעֶלֶע מִנְהָגִים וָואס מֶען דַארְף טוּן? דֶער מַאן דַארְף עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ? אָדֶער אִיז דָא נָאךְ זַאכְן וָואס מִיר דַארְפְן ווִיסְן?

איך וויל נִשְׁט שְׁטֶערְן דֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אָבֶּער תּוֹרָה הִיא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ, איך וֶועל זיך זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי מִנְהָגִים פוּן דִי נַיינְטֶע חוֹדֶשׁ אִין בְּרֶסְלֶב אִיז אֵיין זַאךְ: "דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער".

אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז פֵּיין אוּן וואוֹיל, אָבֶּער דָאס אִיז דֶער עִיקָר - דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוּן בֶּעטְן אַלֶעס זָאל גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶער מִנְהָג אַז מֶען גֵייט פְּתִיחַת הָאָרוֹן אִין דִי נַיינְטֶע חוֹדֶשׁ, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז - הַאלְטְן קָאפּ וָואס אִיז עִיקָר אוּן וָואס אִיז אוֹיךְ גוּט; דֶער עִיקָר אִיז נוּצְן דִי מוֹיל אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוּן בֶּעטְן.

דִי מִנְהָגִים אִיז נִשְׁט נָאר אִין דִי נַיינְטֶע חוֹדֶשׁ; אוֹיךְ אִין דִי אַכְטֶע חוֹדֶשׁ, אוֹיךְ אִין דִי זִיבֶּעטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נִישְׁטָא וָואס צוּ וִויסְן אוּן נִישְׁטָא וָואס צוּ זָארְגְן, עֶס קוּמְט דִי מִינוּט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מַתָּנָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ קִינְד; אָן וִויסְן אוּן אָן זִיךְ לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַאְרְוָואס וויל מַיין מַאן מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה וָואס אִיךְ נֶעם אַרוֹיס פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ ווייס נִישְׁט אוֹיב עֶס אִיז מִיר אָדֶער מַיין מַאן. אָדֶער אֶפְשָׁר בֵּיידֶע. דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ עֶפֶּעס פוּן מַיין מַאן, אוּן אִיךְ שְׁמוּעֶס עֶס אוֹיס מִיט אִים, קֶען עֶר עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, עֶר וֶוערְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מוּט, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז אִיךְ מַאךְ זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ זָאג אִים אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וואוֹיל אוּן גוּט, נָאר דִי גֶעווִיסֶע זַאךְ שְׁטֶערְט מִיךְ אוּן אִיךְ וִויל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוֹיב מֶען קֶען עֶפֶּעס טוּן דֶערְוֶועגְן, אָבֶער עֶר טַעְנָה'ט אַז עֶס אִיז מַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דִי זַאךְ שְׁטֶערְט מִיךְ, עֶס דַארְף מִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן, אוּן עֶר וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט הֶערְן וֶועגְן דֶעם.

אוֹיסֶער דֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ זַאךְ וָואס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אִים, אִיךְ רֶעד זִיךְ סְתָם אַזוֹי אוֹיס אוֹיף עֶפֶּעס וָואס טוּט מִיר וֵוויי, זָאגְט עֶר אַלְץ אַז אִיךְ דַארְף פָּשׁוּט זַיין מֶער פְרֵיילִיךְ אוּן פַּאזִיטִיוו. דָאס גֶעבְט מִיר אָבֶער בִּכְלָל נִישְׁט קַיין חִיזוּק, פַּארְקֶערְט, עֶס מַאכְט מִיךְ שְׁפִּירְן וִוי אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט מִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט, אוּן עֶס גֵייט אִים בִּכְלָל נִישְׁט אָן וֶוען עֶפֶּעס שְׁטֶערְט מִיךְ אָדֶער עֶפֶּעס אִיז מִיר שְׁוֶוער.

אִיךְ פְּרוּבִיר אוֹיף אַלֶע וֶועגְן זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט אִים וֶועגְן דִי זַאךְ, אָבֶער גֶעוֶוענְלִיךְ עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס נִישְׁט צוּ גוּט. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ דֶעמָאלְט אֵיינֶער אַלֵיין, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערְסִירְט אִין מִיר, אוּן עֶר אִיז סְתָם אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מִיר. אִיךְ רֶעד זִיךְ אַסַאךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶער אִיךְ פִּיל נָאךְ זֵייעֶר נִישְׁט מְסוּדָר, אִיךְ וִויל הָאבְן אַבִּיסְל פַארְשְׁטַאנְד אוּן מִיטְלַייד פוּן מַיין מַאן. עֶר זָאל וַוייזְן אַז עֶר אִיז דָא פַאר מִיר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מַיין מַאן, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ נִישְׁט אַ נָאמֶען, אִיךְ וִויל נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל אָנְקוּקְן מַיין מַאן שְׁלֶעכְט, אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיין מַאן זָאל פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, וַוייל אֱמֶת'דִיג אִיז עֶר זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיסֶער דִי זַאךְ אִיז עֶר זֵייעֶר שֵׁיין צוּ מִיר.

אִיךְ טְרַאכְט אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען רֶעדְן אַבִּיסְל הַדְרָכָה אוּן חִיזוּק אוֹיף דֶעם בַּיי דִי דְרָשׁוֹת. אִיךְ הֶער אַלֶע פְּרוּוֶען שִׁעוּרִים אוּן מַיין מַאן הֶערְט דִי לֵיל שִׁשִּׁי שִׁיעוּרִים. אִיךְ פִּיל גֶע'הַרְגְ'ט וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא זַאךְ, אִיךְ וִויל זִיךְ קֶענֶען נָארְמַאל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט. לְמָשָׁל, דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן אִיז מַיין בֶּעבִּי פַארְקִילְט אוּן דִי נָאז אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, עֶר שְׁלָאפְט נִישְׁט נָארְמַאל בַּיינַאכְט לְכָבוֹד דֶעם,

און די מַאמֶע אויךְ נִישְׁט, וֶוערְט זִי אַבִּיסְל צֶעדְרֵייט. אִיךְ דֶערְצֵייל פַּאר מַיין מַאן וָואס פַאר אַ שְׁוֶוערֶע אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע נַאכְט אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אַנְשְׁטָאט מִיטְפִּילְן מִיט מִיר, זָאגְט עֶר מִיר אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין נֶעבְּן אַ נֶעגַאטִיוֶוער מֶענְטְשׁ, דָאס מַאכְט מִיךְ וֵויינֶען, אִיךְ שְׁפִּיר הִילְפְלָאז.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק און הַדְרָכָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט אִיר דִי קְלוּגֶע וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מַאן, זַייט פוּן דִי קְלִיגֶע פְרוֹיעֶן וָואס בּוֹיעֶן דִי שְׁטוּבּ. רֶעדְט מִיט אִים נָאר פְרֵיילִיכֶע זַאכְן, אוּן גֶעבְּט אִים אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער; וַוייל אֲפִילוּ דֶער כְּלַל אִיז "אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ" (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:), דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דִי פְרוֹי אִיז דִי מְקַבֵּל, וָואס נֶעמְט, אוּן דֶער מַאן דַארְף אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִיר מוּטִיגְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער - אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא פֶעלֶער וָואס אִיז פִּינְקְט פַארְקֶערְט, מֶענֶער מִיט אַ קְלֶענֶערֶע פַארְשְׁטַאנְד וְכוּ', מֶענֶער וָואס זֶענֶען גָאר מְקַבְּלִים, נֶעמֶער; זֵיי וַוארְטְן דִי וַוייבּ זָאל זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זֵיי וַוארְטְן שְׁטֶענְדִיג דִי וַוייבּ זָאל זֵיי מוּטִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זֵיי דַארְפְן דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן דִי וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ'.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, זַייט אִיר דֶער וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן מוּטִיגְט דֶעם מַאן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער קְלוּגְשַׁאפְט וִוי פַאר אַ מַאן, אוּן מִיט חָכְמָה קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן אַ זִיס צוּקֶערְדִיג לֶעבְּן.

וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, עֶס

זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְשַׁאפְט, אִיר זָאלְט זֶען אִין אִים נָאר גוּטְס, אוּן עֶר זָאל זֶען אִין אַייךְ נָאר גוּטְס, בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ שֶׁעצְן; מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ, נָאכ'ן כַאפְּן קְלֶעפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען דִי כֹּחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין? אִין דִי לֶעצְטֶע הַאלְבֶּע יָאר הָאבּ אִיךְ צְוֵויי מָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְטְן, אוּן בֵּיידֶע מָאל פַארְלוֹירְן לֹא עָלֵינוּ. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵייס אַז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז גוּט, פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען אָבֶּער דִי כֹּחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין? פַארְוָואס זָאל אִיךְ וָועלְן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן וַוארְטְן? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא נָאכְאַמָאל צוּ פַארְלִירְן. עֶס אִיז יִסּוּרֵי הַגּוּף וְהַנֶּפֶשׁ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען קֶען עֶס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, אוּן מֶען דַארְף וַוייטֶער אָנְגֵיין כְּאִילוּ גָארְנִישְׁט הָאט פַּאסִירְט, אוּן דָאס קָאסְט אַסַאךְ אַסַאךְ כֹּחוֹת. אִיךְ בִּין בְּסַךְ הַכֹּל אַ קְלֵיין מֶענְטְשֶׁעלֶע מִיט אַ הַארְץ פוּן פְלֵייש, וִויפִיל קֶען אִיךְ פַארְנֶעמֶען?

אִיךְ שְׁרַייבּ דִי בְּרִיוו אוּן אִיךְ וֵויין, בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אָרָאפְּנֶעמֶען פוּן זַיין טַייעֶרע צַייט אוּן מִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער כַאפְּן קְלֶעפּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קְלֶעפּ? וֶוער כַאפְּט קְלֶעפּ? פַארְוָואס זָאלְט אִיר דָאס אָנְקוּקְן ווִי קְלֶעפּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט, עֶר מַאכְט נָאר גוּטְס, עֶר הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ

פון אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס, און אַנְשְׁטָאט מִיר זָאל אִים דַאנְקֶען - קוּקְן מִיר אוֹיף דִי חֲסָדִים וִוי דָאס אִיז קְלֶעפּ?!

אַז אִיר הָאט צְוֵויי מָאל פַארְלוֹירְן אִין אֵיין צִי - אִיז דָאס קְלֶעפּ? דָאס אִיז רַחֲמִים וַחֲסָדִים; וָואס וֵוייסְן מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ דַרְכֵי הַמָקוֹם בָּרוּךְ הוּא? וָואס וֵוייסְט אִיר וָואס מֶען הִיט אַייךְ אָפּ פון הִימְל? עֶס אִיז אַלֶעס רַחֲמִים וַחֲסָדִים גְּדוֹלִים.

דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שֵׁיינֶע שְׁטוּב וָואס אִיר הָאט, און וִוי מֶער אִיר וֶועט דַאנְקֶען - וֶועט קוּמֶען נָאךְ און נָאךְ חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר צַוָואַת הָרִיבָ"ש, אוֹיפְ'ן פָּסוּק "צַדִיק כַּתָּמָר יִפְרָח", אַז עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט צַדִיקִים, עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס לֶערְנְט און דַאוֶונְט און טוּט מִצְוֹת פַאר זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר זָאל בַּאקוּמֶען שְׂכַר, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז מְקָרֵב אַנְדֶערֶע אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה און טוּן מִצְוֹת, און אוֹיף דֶעם צַדִיק אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן "בִּמְקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים", אוֹיפְ'ן פְּלַאץ פון דִי צַדִיקִים וָואס מַאכְן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, "אֵין צַדִיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד", קֶענֶען דִי אַנְדֶערֶע סָארְט צַדִיקִים נִישְׁט שְׁטֵיין, וַוייל מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט פִיל הֶעכֶער וִוי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיין.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פון דֶעם פְּשַׁט, וַוייל אִיךְ פְּלֶעג זִיךְ אַלֶץ מְחַזֵק זַיין אַז אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אָבֶּער לְכָל הַפָּחוֹת וֶוען אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ "בִּמְקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים", און יֶעצְט וֶוער אִיךְ גֶעוָואוּיר אַז דָאס גֵייט גָאר אַרוֹיף אוֹיף אַ צַדִיק וָואס מַאכְט בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת, נִישְׁט אוֹיפְ'ן בַּעַל תְּשׁוּבָה אַלֵיינְס. וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס בִּיסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל? דוּ וֵוייסְט דֶען ווִי גְרוֹיס דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, מד): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ ווִיל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "מִיַּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צִיטֶערְט אַזוֹי אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן - צֶעבְּרֶעכְט עֶר אִים אוֹיף פִּיצְלִיךְ, וַוייל אִין דִי רֶגַע וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לָאזְט אָפּ זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, עֶר קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה"**, - פַארְגֶעבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אַלֶעס. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, טו): "כָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט זָאגְט חָטָאתִי, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה - "אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", קֶען קַיין מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן; דֶערִיבֶּער קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן זוּכְט אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין, אַבִּי עֶר זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן תְּשׁוּבָה.

יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַרְשְׁ'נְט מֶען אוֹיף כַּמָּה וְכַמָּה וֶועגְן, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמֹד", אִיז בְּפַשְׁטוּת, וֶוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה - קוּמְט אָן אוֹיף זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, אוּן אוֹיךְ דִי בְּחִינָה פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי זֶענֶען אוֹיף דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אָבֶּער

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז דֶערְנָאךְ, אַדְרַבָּה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק כב), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אֲפִילוּ הִגְדִּיל אָדָם מֵאָה עֲבֵירוֹת זוּ לְמַעְלָה מִזּוּ וְעָשָׂה תְּשׁוּבָה, הֲרֵינִי עִמּוֹ בְּרַחֲמִים וְאֲקַבֵּל אֶת תְּשׁוּבָתוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעטוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה - הָאבּ אִיךְ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן אִיךְ נֶעם אָן זַיין תְּשׁוּבָה, "וַאֲפִלּוּ עוֹמֵד אָדָם וּמְחָרֵף כְּלַפֵּי מַעֲלָה, וְיַחֲזֹר וְיַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹחֵל לוֹ עַל כּוּלָּם", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט אַוֶועק גֶעפַאלְן אַז עֶר רֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן הָאט אִים לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיז ווִיכְטִיג צוּ מַאכְן אַ מִצְוָה טַאנְץ בַּיי דִי חֲתוּנָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מַיין שִׁידוּךְ, אוּן פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעטוּן, אוּן טוּט אַלְץ פַאר מִיר.

שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיין חֲתוּנָה דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן בְּנוֹגֵעַ דִי "מִצְוָה טַאנְץ", אַזוֹי ווִי בַּיי מַיין שְׁוֶוער פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין מִצְוָה טַאנְץ אוּן בַּיי מַיין טַאטֶע אִיז מִצְוָה טַאנְץ מַמָּשׁ אַן עִיקָר, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן אַ "מִצְוָה טַאנְץ", אוּן אוֹיבּ אִיךְ זָאל בֶּעטְן מַיין שְׁוֶוער אַז מֶען זָאל יָא מַאכְן אַ מִצְוָה טַאנְץ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר יוֹם הַנִּשּׂוּאִין, אַ הֶערְלִיכֶע סֵפֶר פַּאר חֲתָנִים, ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טָאג, דֶעם יוֹם הַחֻפָּה. מוֹהֲרַא"ש הָאט זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצְן טָאג, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, יֶעדֶע פְּרַט הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אַ וֶועג ווִי זִיךְ צוּ פִירְן.

קוּק אַרַיין אִין אוֹת יז, וואו מוֹהֲרַא"ש רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוָה טַאנְץ, אַז עֶס אִיז דָא אִין דֶעם הֶעכֶערֶע סוֹדוֹת, רָזֵי דְרָזִין, סִתְרֵי נִסְתָּרוֹת. מוֹהֲרַא"ש זָאגְט דָארְט: "וְאָסוּר לְהָקֵל בָּזֶה", מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלַאכְן פוּן דֶעם, "וְהַמֵּקֵל בָּזֶה", אוּן דֶער וָואס לַאכְט אָפּ פוּן דֶעם, "מְקִילִין חַיָּיו", לַאכְט אָפּ פוּן זַיין לֶעבְן "רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן, "כִּי כָּל עִנְיַן הָרִקּוּדִין עִם הַכַּלָּה נִבְנֶה עַל סוֹדוֹת עֶלְיוֹנִים", דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן טַאנְצְן מִיט דִי כַּלָּה אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף הֵיילִיגֶע הֶעכֶערֶע זַאכְן.

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט (שָׁם): "וְהַמִּנְהָג שֶׁהֶחָתָן אוֹחֵז בִּידֵי הַכַּלָּה", דֶער מִנְהָג אִיז אַז דֶער חָתָן כַאפְּט אָן דִי כַּלָּה, "בְּלִי שׁוּם הֶפְסֵק כְּלַל", אָן קַיין צְווִישְׁנְשֵׁייד, "וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה יִחוּד גָּמוּר בְּכָל הָעוֹלָמוֹת מֵעִילָא לְתַתָּא וּמִתַּתָּא לְעֵילָא", עֶס גֶעשֶׁעעֶן גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דַיין שְׁוֶוער אוֹיב עֶר קֶען דִיר גֶעבְּן דִי טוֹבָה, דוּ זָאלְסְט טַאנְצְן מִיט דִי כַּלָּה מִצְוָה טַאנְץ, אוֹיךְ אוֹיב קֶענְסְטוּ הָאבְּן אַ צַדִּיק בַּיי דַיין חֲתוּנָה זָאל טַאנְצְן לִפְנֵי הַכַּלָּה, אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי זֵיידֶעס זָאלְן טַאנְצְן לִפְנֵי הַכַּלָּה. אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן שֵׁיינֶערְהֵייט, דוּ וֶועסְט זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ - וֶועלְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנ'עֶן, זֵיי וֶועלְן עֶס נָאכְגֶעבְּן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְנֶעמֶען יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין קַיין שׁוּם זַאךְ פוּן דִי מְחוּתָּנִים; ווַייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אִיז דָא אַ גֶעטוּאַכְץ צְווִישְׁן דִי מְחוּתָּנִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קל.): "לֵיכָּא כְּתוּבָּה דְּלֹא רָמוּ בָּהּ תִּיגְרָא", נִישְׁטָא קַיין חֲתוּנָה וָואס מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְט נִישְׁט עֶס זָאל זִיךְ בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּבּ, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין פַיינְטְשַׁאפְט צְווִישְׁן דִי מְחוּתָּנִים אוּן דָאס גֵייט אִיבֶּער צוּ דִי קִינְדֶער, דִי חָתָן

כַּלָּה - בִּיז זֵיי אַלֵיין הֵייבְּן אָן זִיךְ פַיינְט הָאבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי וְוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר", דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, "שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, ווייל אַז מֶען אִיז אָן אַ ווייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", ווייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ ווייטֶער גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ אַלְס בָּחוּר אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ בִּין גֶעלֶעגְן טִיף טִיף אִין בְּלָאטֶע, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְבֶּעסֶערְט.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אֵיין גְרוֹיסֶע אוּן עֶרְנְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם, אַז עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, ווייל עֶס אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס פַּאסִירְט אַסַאךְ מִכְשׁוֹלוֹת אוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער; וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ ווייטֶער גֵיין אִין מִקְוֶה אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, מִקְוֶה אִיז מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ; מַאךְ אַ שְׁנֶעלֶע מִקְוֶה, רֶעד נִישְׁט אִין מִקְוֶה, אוּן הֵייבּ נִישְׁט אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן אִין מִקְוֶה.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנָה אִיז מְטַהֵר וּמְזַכֵּךְ אֶת הַנֶּפֶשׁ, עֶס אִיז מִשְׁנָה דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס וַואשְׁט אָפּ אוּן רַייסְט אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטְס. עֶס וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל זִינְד אוּן אַזוֹיפִיל פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית - פַארְלִירְט מֶען דִי כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן אוּן פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, נָאר דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; וַוייל אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת - בַּאקוּמְט מֶען מִיט דֶער צַייט אַ נֵייעֶם רֵיינֶעם מֹחַ, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, פַארְפַּאס נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג מִקְוֶה. דִי נִסְיוֹנוֹת הוֹיבְּן זִיךְ נִישְׁט אָן אִין מִקְוֶה, דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז דָא טָאג אוּן נַאכְט, אוּן מִקְוֶה אִיז מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים. קֶענְסְט גֵיין אִין דִי צַייט וָואס עֶס אִיז לֵיידִיג, אַזוֹי וֶועט דִיר עֶס זַיין גְרִינְגֶער, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן גִיס אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גְרָאד, אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטְס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע הִסְתַּכְּלוּת"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן, לוֹיפְט מֶען אַרַיין אִין אַ פַארְמַאכְטֶע שְׁטוּב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס טוּעֶן דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען עֶס פַייפְט דִי פַייף אַז עֶס פְלִיט אַ רַאקֶעט? מֶען לוֹיפְט אַרַיין אִין אַ פַארְמַאכְטֶע שְׁטוּב, אַזוֹי רַאטֶעוֶועט מֶען זִיךְ; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטוּב, עֶס מוּז זַיין אַ פַארְמַאכְטֶע שְׁטוּב, מֶען זִיצְט דָארְט בִּיז עֶס וֶוערְט רוּאִיג.

דָאס אִיז דִי וֶועג זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען, פַארְמַאכְן דִי שְׁטוּב; נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן אִין שְׁטוּב נַייעֶס, צַייטוּנְגֶען אוּן וִוידִיאוֹ; פַארְמַאכְן דִי שְׁטוּב אַז דִי מַבּוּל זָאל נִישְׁט אַרַיין רִינֶען.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער פַארְמַאךְ דַיין שְׁטוּב, וַוארְף אַרוֹיס דִי גֶעטְשְׁקֶעס, דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט - וָואס מֶען קֶען זֶען נַייעֶס אוּן עֲבֵירוֹת, בּוֹי זִיךְ אַ תֵּבַת נֹחַ - וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַ שְׁטוּב וָואס טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ שְׁטוּב וָואס מֶען הָאט טֶעלֶעפָאנְס; מֶען זֶעט דָאס אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוֹיף דִי יִרְאַת שָׁמַיִם; עֶס אִיז קַיין פַארְגְלַייךְ.

כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר, רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי בַּת מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן אַ בַּת מִצְוָה - זָאלְט אִיר זִיךְ פָּארְנֶעמֶען נִישְׁט אַרָאפְּצוּגֵיין פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער, אוֹיךְ זָאלְט אִיר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אֵיידֶער אִיר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן - אִין אַ סִידוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן מִיט שִׂמְחָה.

...

### נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט בַּיים מַדְרִיךְ זַיין חֲתָנִים וְכַלּוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אַז אִיר ווִילְט גֶעבְּן חָתָן הַדְרָכָה פַּאר אַייעֶר זוּן הֶחָתָן נֵרוֹ יָאִיר, ווִי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - קֶענְט אִיר זִיךְ ווֶענְדְן צוּם מַגִּיד שִׁיעוּר הָאַבְרֵךְ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם; עֶר לֶערְנְט מִיט אוּנְזֶערֶע חֲתָנִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר לֶערְנְט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען, אָן צוּלֵייגְן אָן אַרָאפְּנֶעמֶען.

בְּנוֹגֵעַ בַּאצָאלְן וְכוּ׳; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט מֶען זָאל נִישְׁט בֶּעטְן קַיין גֶעלְט בַּיים מַדְרִיךְ זַיין חֲתָנִים וְכַלּוֹת, דֶערִיבֶּער בֶּעט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן; עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס, ווַייזְן אַז מֶען אִיז מַכִּיר אִין דִי אַרְבֶּעט וָואס עֶר טוּט.

גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת, מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה - ווֶעט אִיר שְׁפִּירְן בַּיי דִי שִׂמְחָה אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה מִיט אַ הֶעכֶערְקֵייט; נָאר אַז מֶען דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט - קֶען מֶען נֶעמֶען דִי שִׂמְחָה אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף, אַז נִישְׁט - דַארְף מֶען זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען מִיטְן בִּיטֶערְן טְרָאפּ; גֵייט קוּקְן ווִי אַזוֹי מְחוּתָּנִים

זֶענֶען בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶערְ׳ס חֲתוּנוֹת, אַלֶע זֶענֶען אָנְגֶעטְרִינְקֶען פוּן גְרוֹיס צַעַר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווילְסְט לֶערְנֶען בַּיי מִיר? בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין דַיין שְׁטָאט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ ווילְסְט קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע לֶערְנֶען בַּיי מִיר; אִיךְ זָאג דִיר, אִין יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם, בַּיים מַגִּיד שִׁיעוּר הָאַבְרֵךְ מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר - אִיז אַזוֹי ווי דוּ לֶערְנְסְט בַּיי מִיר.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אַ יְשִׁיבָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ זָאג אַלֶע בָּחוּרִים, ווילְסְט לֶערְנֶען בַּיי מִיר? - בְּלַייבּ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאהַאנְדְלֶען דִי לֵיים קְרֶענְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ אִיז דָא בַּאהַאלְטְן אִין אִיר קֶערְפֶּער לֵיים - דַארְף מֶען דָאס בַּאהַאנְדְלֶען, וַוייל לֵיים קֶען מַאכְן שָׁאדְן - וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. אִיךְ וֶועל דַאוְונֶען פַאר אִיר גֶעזוּנְט אוּן פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה.

הָעִקָר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, דָאס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת.

...

**זִיךְ לֶערְנֶען צוּ זַיין אַ דָאקְטֶער פַאר פְרוֹיעֶן בְּעֵת שִׂמְחָתָם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י״ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ גֵיין לֶערְנֶען זַיין אַ דָאקְטֶער פַאר פְרוֹיעֶן בְּעֵת שִׂמְחָתָם; עֶס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דִי קְהִילָה אַז מִיר וֶועלְן הָאבְן אַ הֵיימִישֶׁע פְרוֹי אַ דָאקְטֶער וָואס וֶועט מְחַזֵק זַיין דִי פְרוֹיעֶן אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וַוייל דִי מַצָב בַּיי דִי דָאקְטוֹירִים וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער, מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט יֶעדֶע צְוֵוייטֶע פְרוֹי וָואס וַוארְט אַ שִׂמְחָה אַז עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטֶס קוּמְט; עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִינְגֶעלַייט זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר זָארְג אוֹיף וָואס מֶען שְׁרֶעקְט זֵיי אָן.

אַז אִיר וֵוייסְט פוּן נָאךְ פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען זַיין אַ דָאקְטֶער פַאר שִׂמְחוֹת - זָאלְט אִיר מִיר מוֹדִיעַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיר גֵייעֶן שְׁטֵייטְלִיךְ מִיט גוּטְן, וַוייל מִיט כֹּחַ פּוֹעֶל׳ט מֶען נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי תַּקָנוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט פַאר אוּנְזֶער שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן אַז דוּ שְׁטֵייסְט עַל הַמּוֹשְׁמָר אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אֵיידֶל אוּן שֵׁיין. מַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען אַז אַלֶע אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת זָאלְן לִיבּ הָאבְן אִידִישְׁקֵייט, לִיבּ הָאבְן אֵיידְל.

אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי לַאנְגֶע הָאר צְוִוישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ, בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִין בֵּית פֵיגָא אִיז אוֹיךְ דָא אַפָּאר מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּמֶען מִיט אַזֶעלְכֶע גָאר לַאנְגֶע הָאר, עֶס עֶקֶלְט מַמָשׁ, אָבֶער אִיךְ גֵיי נִישְׁט מִיט כֹּחַ, אוֹיךְ

דִי לֶערֶערִינְס אוּן דִי מְנַהֶלֶת גֵייעֶן נִישְׁט מִיט כֹּחַ, מִיר גֵייעֶן שְׁטַייטְלִיךְ מִיט גוּטְן, וַוייל מִיט כֹּחַ - פּוֹעֶל'ט מֶען נִישְׁט, מִיט כֹּחַ פּוֹעֶל'ט מֶען נָאר אוֹיף דִי מִינוּט, מֶען הָאט מוֹרָא מֶען וֶועט אַוֶועק שִׁיקְן וְכוּ', אָבֶּער מֶען פּוֹעֶלְ'ט נִישְׁט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער; אָבֶּער אַז מֶען גֵייט שְׁטַייטְלִיךְ, מֶען רֶעדְט אוּן מֶען רֶעדְט, מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל פוּן שֵׁיינְקֵייט, פוּן גֵיין אֵיידְל - פּוֹעֶל'ט מֶען.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט עֶלְטֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף לִיב הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוּן דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לִזְכוּת, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד דִי טְרֵיפָה'נֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען זָאל רֶעדְן נָאר אִידִישׁ, אוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין אִידִישׁ - זָאל מֶען נוּצְן פוּן דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, אָבֶּער נִישְׁט דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן דִי עֵרֶב רַב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִויכְטִיגֶע אֲסִיפָה פַאר דִי מַאמֶעס וָואס שִׁיקְן אִין בֵּית פֵיגָא**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט וֶועט פָארְקוּמֶען אַ וִויכְטִיגֶע אֲסִיפָה אִין שְׁטֶעטְל פַאר דִי מַאמֶעס פוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס שִׁיקְן אִין בֵּית פֵיגָא, אִיךְ ווִיל אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג מִטַעַם הַמוֹסָד אַז אַלֶע מַאמֶעס זָאלְן קוּמֶען, אוּן דִיר בֶּעט אִיךְ, זֶע אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּ דִי אֲסִיפָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קִילְט אָפּ דִי שָׁלוֹם אוּן דִי אַהֲבָה אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, וַוייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'.

דָאס וָואס פַּאסִירְט יֶעדֶע פָּאר טֶעג, עֶס קִילְט זִיךְ אָפּ דִי שָׁלוֹם אוּן דִי אַהֲבָה - דָאס קוּמְט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג) שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶועְן אַ חֲתוּנָּה אִין יְשִׁיבָה הֶערְלִיךְ שֵׁיין; דִי חֲתוּנּוֹת אִין יְשִׁיבָה זֶענֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, מָלֵא טַעַם, עֶס הָאט אַ אִידִישֶׁע חֵן, וּבְנוֹסָף לָזֶה אִיז עֶס גָאר בְּחִנָּם.

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען עֶרְלֶעדִיגְן פַאר דִי חֲתוּנָּה פוּן מַיין זוּן, אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁטֶעלְט בְּגָדִים, אוֹיךְ אַ קִיטְל מִיט טַלֵּיתִים. אִיךְ קוֹיף אַיין נָאר וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס, אַזוֹי שְׁלֶעפְּט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין חוֹבוֹת.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַרָאפּ יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס מִיר גֶעבְּן אוֹיס פַאר דִי חֲתוּנָּה, אִיךְ וֶועל דָאס דִיר שִׁיקְן דִי וָואךְ פוּן דִי חֲתוּנָּה, דִיר וַוייזְן אַז מֶען קֶען חֲתוּנָּה

מַאכְן אָן קַיין חוֹבוֹת, מֶען קֶען הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שִׂמְחָה, נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט.

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל פַּארְנוּמֶען אִין דִי טֶעג, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֶעלְף דַיין וַוייבּ אִינְדֶערְהֵיים, זִי זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דִיר, זִי קֶען נִישְׁט אַלֵיין פִירְן דִי שְׁטוּבּ וְוירְטְשַׁאפְט, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען זִי וַוארְט וְכוּ׳; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט אַהֵיימְגֵיין פַּארְנַאכְטְס אִין דִי צַייט וֶוען מֶען לֵייגְט שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, זִי זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן.

זִי הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי פַאלְט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת, אוּן וֶוען זִי רוּפְט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן, זָאגְסְטוּ דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען; בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי אַהֵיים, הָאבּ אוֹיף אִיר רַחְמָנוּת, זִי אִיז דִיר אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, דַארְפְסְטוּ אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר.

זַיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל נָאר דַיין טוֹבָה אוּן דִי טוֹבָה פוּן דַיין שְׁטוּבּ.

שְׁרַייבּ מִיר אוֹיךְ בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קוק וָואס דו הָאסְט יָא און וָואס דו בִּיסְט יָא גוּט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט וָואס דו טוּסְט יָא, זוּךְ נִישְׁט וָואס פֶּעלְט און וָואס דו בִּיסְט נִישְׁט גוּט, קוק וָואס דו הָאסְט יָא און וָואס דו בִּיסְט יָא גוּט; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דו גִיסְט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אַז דו זָאגְסְט בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר און מֵאָה בְּרָכוֹת יֶעדְן טָאג, אַז דו קוּשְׁסְט דִי מְזוּזָה און דו בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן.

זֶע צוּ טוּן הֲפָּצָה, זַיי מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; עֶס אִיז דָאךְ אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, און אַז מֶען הָאט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת - קֶען מֶען אָנְגֵיין, מֶען בְּלַייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דו זָאלְסְט אוֹיךְ הָאבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן יָפוּצוּ מַעְיְנֹתֶיךָ חוּצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ אַלֵיין דֶעם חֶשְׁבּוֹן, אִיז דִי סָארְט טֶעלֶעפָאן גוּט פַאר דִיר?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיין טֶעלֶעפָאן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם און שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶועןְ מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיד): ״סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז מֶע מוּז זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר זֵייעֶר הִיטְן״.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל גוּטְס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן און וִויפִיל שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמְט דוּרְךְ דֶעם; זָאג נִישְׁט ׳וָואס אִיז שׁוֹין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה?׳ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט.): ״הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה״.

בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ טֶעלֶעפָאוֹן, וָואס מִיר זָאגְן זֵיי אַז עֶס אִיז כָּשֵׁר אָבֶער אִין וָוארְהֵייט אִיז דָאס אַ קְלֵיינֶער סְמַארְטְפָאוֹן; אִיךְ הָאבּ זֵיי הַיינְט גֶעזָאגְט: "מִיךְ אִיז אַ שָׁאד אוֹיסְצוּשְׁפִּילְן, עֶנְק זָאלְן נָאר זַיין אֱמֶת'דִיג מִיט עֶנְק אַלֵיין, וַוייל אַז מֶען הָאט אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ קוּקְן, אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס".

דִי בְּרִיוו אִיז נָאר דִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אִיךְ הָאבּ גָאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דַיין לֶעבְּן.

אוֹיבּ דִי בְּרִיוו צֶעבְּרֶעכְט דִיר אוּן עֶס מַאכְט דִיר חֲלִישׁוּת הַדַעַת - זָאלְסְטוּ מִיר מוֹדִיעַ זַיין אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט שִׁיקְן קַיין בְּרִיוו, וַוייל כִּי לְטוֹבָה כַּוָּנָתִי, מַיין גַאנְצֶע צִיל אִיז נָאר דִיר גוּט צוּ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶענְסְט אַלֶעס טוּן, אָבֶער פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן וֶוערְט מֶען פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בִּיסְט גֶערֶעכְט, מֶעגְן מֶעג מֶען וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים כ:), אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי, זִי דֶערְצֵיילְט אַז אִיר מַאן מַאכְט וָואס עֶר וִויל וְכוּ', הָאט רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה לָאזְט אִים וְכוּ'"; אָבֶער פְרֵיילִיךְ אוּן זַאט וֶוערְט מֶען נָאר פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פוּן טוּן מִצְוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט.

אַז דוּ וִוילְסְט זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער, אַ פְרֵיילִיכֶער - אִיז דָאס נָאר אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דוּ

וֶועסְט דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין יוּגְנְט, וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אוּן וָואס דוּ גֵייסְט נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, בִּיז דוּ וֶועסְט רֵיינִיגְן דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

לוֹיף נִישְׁט נָאךְ דַיין וַוייבּ; ווִי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ - פַּארְלִירְט מֶען דָאס חֲשִׁיבוּת אִין אִירֶע אוֹיגְן, דִי סֵדֶר אִין שְׁטוּבּ דְרֵייט זִיךְ אוֹיס, בִּיז זִי הוֹיבְּט אָן שַׁאפְן אוֹיפְן מַאן וָואס דָאס אִיז נִישְׁט גוּט; לוֹיף נָאךְ דִי תּוֹרָה, לוֹיף נָאךְ טוּן מִצְוֹת, אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֵויי טוּן דִי וַוייבּ, אָבֶּער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן.

עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ שְׁרַייבְּן מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת, אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט אוּן דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר אוּן פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם גַּ׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דַּעַת, סִימָן יד): ״כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵידַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּאֵיזֶה דָבָר, יִפְתַּח סֵפֶר וְיָבִין אֵיךְ לְהִתְנַהֵג״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל ווִיסְן ווִי זִיךְ צוּ פִירְן, זָאל עֶר עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר אוּן עֶר וֶועט דָארְט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

חַס וְחָלִילָה דָאס נוּצְן אוֹיף זַאכְן וָואס זֶענֶען קֶעגְן דִי הֲלָכָה, קֶעגְן דִי תּוֹרָה, חַס וְחָלִילָה דָאס נוּצְן אוֹיף אָפְּלָאזְן צְנִיעוּת; אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פְּרַאגֶע זִיךְ צוּ טוֹישְׁן דִי לְבוּשׁ, אָנְטוּן אַ נִישְׁט אֵיידֶעלֶע לְבוּשׁ - אִיז נִישְׁטָא דִי זַאךְ פוּן עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר; דֶעמָאלְט עֶפֶענְט מֶען דִי חוּמָשׁ אוּן מֶען זֶעט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (דְּבָרִים כג, טו): ״וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל מִיר זָאלְן זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין, אוּן

אויב מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אֵיידְל - דֶעמָאלְט גֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועק פוּן דָארְט רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט כִּבְיָכוֹל אַוֶועק - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער; מֶען רֶעדְט נָאר אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, קֶען מֶען קוּקְן אִין אַ סֵפֶר.

אַז אִיר הָאט אַ פְרַאגֶע אוּן אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, קֶענְט אִיר עֶפֶענֶען סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַחַל", "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אוּן אַזוֹי אוֹיךְ סֵפֶר "אִישׁ אֱמוּנוֹת"; אוּן פוּן דָארְט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ תְּשׁוּבָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אויב דִי לֶערֶערִין הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

בְּנוֹגֵעַ דִי לֶערֶערִין וָואס זָאגְט זִי הָאט נִישְׁט וָואס צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, שִׁיקְט זִי אַרוֹיס דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן וְכוּ'; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ לֶערֶערִין הָאט נִישְׁט וָואס צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דִי לֶערֶערִין מוּז קוּמֶען אָנְגֶעגְרֵייט צוּ הָאבְּן וָואס צוּ לֶערְנֶען פַאר אַפָּאר וָואכְן.

קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אויב דִי לֶערֶערִין הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, זִי הָאט וָואס צוּ לֶערְנֶען, מַאכְן, טוּן וְכוּ', אָדֶער מֶען גֵייט הַיינְט מָאלְן וַואסֶער, זוּכְן וִוי אַזוֹי אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דֶעם טָאג.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען צוּ לֵיינֶען אִידִישׁ; קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען צוּ קֶענֶען גוּט לֵיינֶען אִידִישׁ, דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס דִי סְקוּל דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ דִי גֶעהַאלְט; מִיר גֵייעֶן אַרָאפְּגֵיין מִיט דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי לֶערֶערִינְס, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, דִי מוֹסָד קֶען נִישְׁט צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; בִּיטֶע דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי לֶערֶערִינְס אוּן זֶען וֶוער עֶס וִויל מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ בְּלַייבְּן אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵּיגָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע רֵיינֶע חִינוּךְ אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען.

...

## אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְן הֶעלְפְן אִין סְקוּל, דִי דַאוֶועגֶען הָאט בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע פָּנִים, אַלֶע קִינְדֶער דַאוֶוענֶען אַ מְחַיֶּ', וּבְעִקָּר דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז זֵייעֶר גוּט; דִי קִינְדֶער וֶוערְן מֶער אוּן מֶער דֶערְוַואקְסְן.

יֶעצְט אִיז צוּרִיק גֶעפַאלְן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין אוּנְזֶער שׁוּלֶע אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ וֵויס נִישְׁט פַארְוָואס דִי לֶערֶערִינְס לָאזְן דָאס פַּאסִירְן, פַארְוָואס מֶען שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג; וַוייל אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

אִיךְ הָאף זֵייעֶר אִיר וֶועט וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶענוּג לֶעקְטֶער צוּ קֶענֶען מַאכְן הֵייצוּנְג אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַארְף פוּן דִיר אַ טוֹבָה. אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זִיצְן מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען כָּאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זִיצְן מִיט זֵיי בְּמֶשֶׁךְ דִי טָאג.

אָבֶּער דִי פְּלַאץ הָאט נִישְׁט קַיין הֵייצוּנְג, דִי בָּחוּרִים זִיצְן מִיט מַאנְטְלֶען, מִיט סְוֶועטֶערְס, עֶס אִיז שְׁטַארְק קַאלְט, יֶעצְט אִיז שׁוֹין ווִינְטֶער אִין שְׁטֶעטְל.

מֶען זוּכְט אַ נַדְבָן צוּ קֶענֶען אַרַיינְשְׁטֶעלְן הֵייצוּנְג, אוּן בִּיז דֶערְוַוייל נוּצְט מֶען אֵייוֶועלֶעךְ, אָבֶער דִי לֶעקְטֶער הַאלְט נִישְׁט, עֶס קְרַאכְט.

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ קוּמֶען מַאכְן דִי לֶעקְטֶער עֶס זָאל נִישְׁט קְרַאכְן ? מֶען זָאל קֶענֶען אַיינְשְׁטֶעקְן (הִיטֶערְ״ס) אֵייוֶועלֶעךְ.

שְׁכֹּחַ, שְׁכֹּחַ.

...

## צוּשְׁטֶעלְן הֵייצוּנְג פַאר דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין הַיינְט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטֶעטְל, צוּ דִי יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועען צוּ זִיצְן מִיט דִי טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי זִיבֶּעצְן יָאר צוּרִיק, בַּיים עֶפֶּענֶען דִי יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט שַׁאפְן אַ נַדְבָן פַאר הֵייצוּנְג; דִי בָּחוּרִים זִיצְן מִיט מַאנְטְלֶעךְ, עֶס אִיז זֵייעֶר קַאלְט, אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן צַייט נֶעבְן אַן אֵייוֶועלֶע, בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט הֶעלְפְן שַׁאפְן אַ נַדְבָן פוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, וַוייל דִי מוֹסָד הָאט נִישְׁט יֶעצְט קַיין גֶעלְט. מֶען אִיז אוּנְטֶערְשְׁטֶעלִיג מִיטְן צָאלְן דִי גֶעהַאלְט פַאר אַפָּאר וָואכְן שׁוֹין, דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט אַלֶע טְרַאכְטְן פוּן שְׂכַר לִימוּד, וָואלְטְן אַלֶע עֶלְטֶערְן בַּאצָאלְט דִי שְׂכַר לִימוּד - וָואלְטְן מִיר זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן אָן נְדָבוֹת וְכוּ׳.

בִּיטֶע הֶעלְף מִיר, הָאסְט מִיר אַזוֹי גֶעהָאלְפְן אַלֶע יָארְן, הֶעלְף מִיר וַוייטֶער.

...

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַיֵ' גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל און אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין יֶעצְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ בַּאקוּם אַזוֹיפִיל חַיּוּת יֶעדֶע מָאל אִיךְ גֵיי דָארְט בַּאזוּכְן, זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן פַארְטָאגְס, זֶעקְס אַזֵייגֶער, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אֵיידֶער אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען כִּמְעַט אַ גַאנְצְן טָאג אִין אוּנְזֶער נֵייעֶ יְשִׁיבָה. אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ פַאר דִי בָּחוּרִים קוּמֶען אָן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים. בְּעֶרֶךְ נַיין אַזֵייגֶער קוּמֶען דִי בָּחוּרִים אָן, אִיךְ הָאבּ אַלֶע בַּאגְרִיסְט און אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען אַזוֹי וְוִי דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אָן קַיין מַשְׁגִּיחַ, אָן קַיין טְרַייבֶּער, יֶעדֶער אֵיינֶער ווייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן; אֵיינֶער מִיט חוּמָשׁ, אַ צְוֵוייטֶער מִיט אַ מִשְׁנָיוֹת, אֵיינֶער מִיט אַ גְמָרָא און אַ צְוֵוייטֶער מִיט אַ תְּהִלִּים; אַ תַּעֲנוּג דָאס צוּ זֶען.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְוענְט אִינְאֵיינֶעם שַׁחֲרִית, און גֶעגֶעסְן פְרִישְׁטָאג, גֶעשְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם. נָאךְ פְרִישְׁטָאג הָאבְּן זֵיי אַ שִׁיעוּר פוּן זֵייעֶר מַגִּיד שִׁיעוּר, בִּין אִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס. וֶוען מֶען פָארְט אַרִיבֶּער דֶעם בִּנְיָן פוּנְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס וְוִי אַ שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶער בִּנְיָן, אָבֶּער אִינֶעוֵוינִיג טוּט זִיךְ אַ מֶעכְטִיגֶע אָפֶּערַאצִיֶע, מֶען דְרוּקְט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים, גִּלְיוֹנוֹת, אַלֶע סָארְטְן. אוֹיבְן זִיצְן אִינְגֶעלַייט, אֵיינֶער פִירְט דֶעם הַאטְלַיין קוֹל בְּרֶסְלֶב וָואס צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען לוֹפְט טָאג טֶעגְלִיךְ צוּ אָטֶעמֶען, אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט דֶעם שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל, אוֹיךְ אִיז דָא אִין בַּאזוּנְדֶערֶע אָפִיסֶעס וַוייבְּלֶעךְ וָואס אַרְבֶּעטְן פַאר הַדְּפָסָה, אֵיינֶער מַאכְט דִי בְּרִיוו אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אַ צְוֵוייטֶע שְׁטֶעלְט אוֹיס דֶעקְלֶעךְ פַאר אַלֶע סְפָרִים, אוֹיךְ דֶער כּוֹלֵל אָפִיס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט, נָאכְדֶעם דֶער מְנַהֵל פוּנֶעם בֵּית הַדְּפוּס און דֶער פָאנְדְרֶעיזֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעקְלַאפְּט אַ מְזוּזָה אוֹיף דִי נֵייעֶ אָפִיסֶעס, אוֹיךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם נַדְבָן מִיט קְלַאפְּן אַ מְזוּזָה, אוֹיךְ דֶער פָאנְדְרֶעיזֶער פוּנֶעם כּוֹלֵל. מִיר הָאבְּן אַבִּיסְל גֶערֶעדְט דָארְט, זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בִּין גְלַייךְ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר גְמָרָא, פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט. נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר שְׁפַּאצִירְט צוּם גְרָאסֶערִי, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט יֶעדְן בָּחוּר עֶר זָאל עֶפֶּעס נֶעמֶען אוּן אִיךְ וֶועל דָאס בַּאצָאלְן; מֶען מוּז אַזוֹי מַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט נָאר זָאגְן "לֶערְן", "דַאוֶוען", "קוּק אַרַיין אִין סִידוּר", "שָׁאקְל זִיךְ", מֶען מוּז אוֹיךְ שְׁפַּאצִירְן, גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן, מַאכְן אַ לוּפְטִיגֶע פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען נָאכְדֶעם פּוֹעֶל'ן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן אִין חִינוּךְ, אוּן אוֹיךְ פַאר עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ; מֶען קֶען נִישְׁט נָאר זָאגְן "טוּ נִישְׁט", "מַאךְ נִישְׁט", "גֵיי נִישְׁט", עֶס מוּז זַיין אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט, מֶען דַארְף טוּן אַסַאךְ פְרֵיילִיכֶע זַאכְן אוּן גֶעבְּן אַ סַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אִינְדֶערְמִיט זָאגְט מֶען "מַאךְ אַזוֹי", "טוּ אַזוֹי", "גֵיי אַזוֹי"; אוּן נָאר מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן בַּקָשָׁה זֶעט מֶען פֵּירוֹת.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אוּן נָאךְ אַבִּיסְל פַארְבְּרֶענְגְט מִיט שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם נַייעֶם קִימְפֶּעטָארִין הֵיים, אוּנְזֶער "יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים". דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ חֲנֻכַּת הַבַּיִת מִיט אַ קְבִיעוּת מְזוּזָה אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר מִשְׁפַּחַת אַפֶּעל אוּן מִשְׁפָּחוֹת בְּרוֹין, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט אַ מְזוּזָה אוּן מְכַבֵּד גֶעוֶוען ר׳ אַיְיזִיק אַפֶּעל וָואס עֶר מִיט זַיין וַוייבּ הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם פְּרָאיֶעקְט, זֵיי לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ אוּן נְשָׁמָה. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען יוֹאֵל הַכֹּהֵן חַבֵר הַנְהָלָה - זָאל לֵייגְן אַ מְזוּזָה, וַוייל עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶס אִיז אִים צוּ פַארְדַאנְקֶען פוּן אָנְהוֹיבּ שְׁטֶעטְל בִּיז יֶעצְט, יֶעדֶע זַאךְ אִיז אִים צוּ פַארְדַאנְקֶען.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ אַ סְעוּדָה, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הֶעלְפְּט אוּנְז לֶעבְּן בְּרוּחָנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת, דֶער רֶבִּי מַאכְט אוּנְז לֶערְנֶען, עֶר דֶערְמַאנְט אוּנְז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מַאכְט אוּנְז טְרַאכְטְן פוּן עָלְמָא דְאָתִי, עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הֶעלְפְט עֶר אוּנְז לֶעבְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ

וַוייבּ און קִינְדֶער, מִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער פָּשׁוּט, אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעהָאלְפְּן לֵייגְן שְׁלָאפְן מַיינֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִין שְׁטֶעטְל אִיךְ זָאל נָאךְ קוּמֶען דָא, און נָאר דָא, און נָאר אֵיין מִינוּט דָא, אָבֶּער אַהֵיים גֵיין הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אִיז נָאךְ מֶער ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶע זַאכְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, גֵיי אַהֵיים, לָאז אַלֶעס אָפּ, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר פַארְנַארְן 'קוּם דָא', און 'גֵיי דָא', און 'מֶען מוּז וְכוּ' וְכוּ'; דוּ גֵיי אַהֵיים, רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער. פְרֶעג יֶעדְן טָאג דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; זֵיי זָאלְן זֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, און דָאס מוּז זַיין.

אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת אִיז יֶעצְט אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָב, מֶען הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל זִיצְן מִיט דִי מַאנְטְלֶעךְ פַארְפְרוֹירְן, אִיךְ בִּין הַיינְט דָארְט גֶעוֶוען און אוֹיךְ גֶעזִיצְן אִין דִי קֶעלְט מִיט זֵיי, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט צוּ מַאכְן הֵייצוּנְג. קֶען זַיין אִיךְ בִּין שוּלְדִיג אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלָאזְט בֶּעטְן קֶעמְפּ גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן צָאלְן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער; דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר רְפָאֵל זָאגְט, אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶענוּמֶען אַ פֶערְטְל מִילְיָאן דָאלֶער פוּן דִי מוֹסָד מִיטְן נִישְׁט לָאזְן בֶּעטְן קֶעמְפּ גֶעלְט, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז שְׂכַר לִימוּד צָאלְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, אִיז ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסָד...

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד און זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט טוּן דִי וָואךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן, מִיר הָאבְּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע טִיטְשֶׁערְס און גֶעזָאגְט מֶען גֵייט אַרָאפּ מִיט דִי גֶעהַאלְט, אַ גוּטֶע פַּאטְשׁ אִין פָּנִים פַאר מִיר; גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ בִּין גוּט פַארְשֶׁעמְט פוּן דֶעם. דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶּ' פְרֶעגְט, וָואס גֵייט דָא פָאר? וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן דִי קִינְדֶער - אִיז נִישְׁט.

מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער נֵייעֶר בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לִינְדֶען נִיו דְשֶׁערְזִי אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ חֲנֻכַּת בֵּית הַמֶּדְרָשׁ און סִיוּם מַסֶּכֶת קִידּוּשִׁין, סִיּוּם חָצִי שַׁ״ס.

מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סִיוּם אִין שְׁטוּב, זָאלְן דַיינֶע קִינְדֶער זֶען אַז זֵייעֶר טַאטֶע לֶערְנְט תּוֹרָה, וַוייז זֵיי וָואס אִיז חָשׁוּב; בִּיז אַהֶער וֵוייסְן זֵיי שׁוֹין אַז אַ קַאר אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳עֶ זַאךְ, ווייל פוּן דֶעם רֶעדְט מֶען טָאג און נַאכְט. אוֹיךְ וֵוייסְן זֵיי אַז הָאבְן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן, וַוייל פוּן ווִיגֶעלֶע הֶערְן זֵיי רֶעדְן וֶוען גֵייט מֶען שׁוֹין קוֹיפְן אַ הוֹיז, און מֶען קוֹיפְט שׁוֹין וְכוּ׳ וְכוּ׳, יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט זָאלְסְט זֵיי וַוייזְן וָואס אִיז טַאקֶע חָשׁוּב; מַאךְ אַ סִיּוּם, נֶעם צוּזַאם דִי קִינְדֶער פוּן שְׁטוּב בַּיי נַאכְטְמָאל וְכַדוֹמֶה, און זֵיי מְסַיֵּים, גֶעבּ אַ גוּטֶע נַאשׁ, און זִינְג און טַאנְץ: ״אַ מְחַיֶ׳ אַ בְּלַאט גְמָרָא!״

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט און שָׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט, קִינְדֶער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט אֱמוּנָה און שִׂמְחָה וֶועט אִיר הָאבְן קִינְדֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִסָּרוֹן אֱמוּנָה צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער, אִיר קֶענְט גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער זִיךְ בּוֹדֵק זַיין וְכוּ׳; אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען דָאס מְסַדֵּר זַיין מִיט אַ קְלֵיינִיקַייט.

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער אִיז שָׁלוֹם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לא), אַ פָּארְפָאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶטְ׳ן, הֱיוֹת

עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר וָואס זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר זֵיי גֶטְ'ן זִיךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה, וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גוּט בְּגִלוּפִין פוּן אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ וַויין, הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "הֱיוֹת מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע יָארְן צוּזַאמֶען אוּן יֶעצְט גֵייעֶן מִיר זִיךְ גֶטְ'ן, ווִיל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ פוּן מַיין פַארְמֶעגְן, קְלוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ פַאר דִיר אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ צֶעשֵׁיידְן", הָאט זִי אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ טְרַאכְטְן.

דֶער מַאן הָאט גֶע'שִׁיכּוֹר'ט אוּן גֶעטְרִינְקֶען, בִּיז עֶר אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד טוֹיט שִׁיכּוֹר. דִי פְּרוֹי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מְשָׁרְתִים מֶען זָאל אִים אַרַיינְלֵייגְן אִין בֶּעט אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ, צוּמָארְגְנְס וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט וואוּ עֶר אִיז - הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָּאר, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בִּשְׁעַת מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ גוּטֶע חֵפֶץ פוּן דַיין פַארְמֶעגְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט ווִי דִיר, דוּ בִּיסְט מַיין בֶּעסְטֶע זַאךְ!"

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ זִי הָאט דִיר אַזוֹי לִיבּ אוּן זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט צֶעטֵיילְן פוּן דִיר, זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אַז אִיבֶּער אַ יָאר וֶועט אִיר הָאבְּן אַ קִינְד", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער; אַלֶעס נָאר צוּלִיבּ דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם וָואס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי.

מִיט אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה וֶועט אִיר פּוֹעֵלְ'ן אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין קֵירוּב קְרוֹבִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט לְזַכּוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט זֵיי גֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, גֵיי נָאךְ אוּן נָאךְ הֲפָצָה, שְׁטֶעל זִיךְ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אָפּ, וַוייל נָאר דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

יֶעצְט וֶוען אַלֶע טִינְקֶען זִיךְ אִין דִי נֵייעֶס, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זָאלְסְטוּ וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּי'ן.

גֵיי הֲפָצָה בַּיי דִי פְרוּמֶע שְׁטִיבֶּער, גֵיי הֲפָצָה צוּ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוּן בַּחוּרֵי יְשִׁיבָה; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, מֶען מֵיינְט מֶען דַארְף גֵיין הֲפָצָה נָאר בַּיי דִי וָואס מֶען הָאט נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן אוֹיסְגֶע'שְׁמַדְ'ט רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאר זֵיי דַארְף מֶען מְקַרֵב זַיין; קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין קֵירוּב קְרוֹבִים, דִי הֵיימִישֶׁע צִיבּוּר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דֶער בִּילְד פוּן אִינְדְרוֹיסְן אִיז שֵׁיין אוּן גוּט, אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, מֶען אִיז אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; אוֹי וִוי מֶען וַוארְט אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק, אַבִּיסְל אֱמוּנָה, מֶען שְׁטֵייט אוּן וַוארְט 'וֶוען וֶועט דֶער מֵפִּיץ שׁוֹין קוּמֶען? וואוּ קֶען מֶען אִים טְרֶעפְן?' מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן... מֶען טְרַאכְט 'הַלְוַאי וֶוען עֶר לֵייגְט אַרָאפּ אַ גִּלְיוֹן עֶרְגֶעץ, וואוּ אִיךְ קֶען עֶס שְׁטִילֶערְהֵייט לֵיינֶען'.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ װֶעל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ װֶעל דִיךְ טְרֶעפְן. אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, בִּיסְט אַ גוּט קִינְד, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זָאלְסְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

דִי יָארְן פוּן יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט לַאנְג, עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע יָארְן אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען חֲתוּנָה אוּן מֶען שְׁטֶעטְל אוֹיף אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז שֵׁיינֶע יָארְן, מֶען קֶען זִיךְ אָנְזַאפְּן מִיט שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן.

קוּם אִין יְשִׁיבָה, קוּם צוּרִיק; דוּ װֶעסְט הַנָאָה הָאבְּן, דַיינֶע עֶלְטֶערְן װֶעלְן הַנָאָה הָאבְּן, אוֹיךְ אִיךְ װֶעל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

בִּיטֶע שְׁרַייבּ מִיר אַפָּאר װֶערְטֶער װֶעסְטוּ מִיךְ מְחַיֶה זַיין, שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מְכַבֵּד זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּא׳טַעמְ׳ט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּא׳טַעמְ׳ט. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, שְׁמוּאֵל-א, כד): ״חַיָּיב אָדָם בִּכְבוֹד חָמִיו כִּבִכְבוֹד אָבִיו״, אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיין שְׁוֶוער פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי עֶר דַארְף מְכַבֵּד זַיין זַיין טַאטֶע.

בִּכְלַל זָאלְסְטוּ וִויסְן דֶעם כְּלַל אִין לֶעבְּן: ״מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל אוּן וָואס מֶען הָאט לִיבּ, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג״; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט לִיבּ

צוּ גֵיין צוּ דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער - אִיז דָאס דַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, דָאס טָאר נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דַיין וַוייבּ אוּן דִיךְ פוּן גֵיין.

וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן פַאר דִיר פוּן יָאר צוּ יָאר? אוּן וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ רֶעאַגִירְן וֶוען דַיין טָאכְטֶער וֶועט דִיר זָאגְן שְׁטִילֶערְהֵייט ׳טַאטִי, מַיין מַאן לָאזְט מִיךְ נִישְׁט קוּמֶען׳? פִּינְקְט דִי זֶעלְבֶּע וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר דַיין וַוייבּ.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דַיין וַוייבּ. בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אִיז דָא דִי זַאךְ אַז אַ מַאן גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף דִי וַוייבּ, לְהַבְדִיל בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי הֵיילִיגֶע פָאלְק - אִיז דֶער מַאן נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן נִישְׁט דִי וַוייבּ בַּעַלְבַּאטֶעוֶועט אוֹיפְן מַאן; בֵּיידֶע הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, בֵּיידֶע שֶׁעצְן זִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, אִים דַארְף מֶען פָאלְגְן אוּן זַיין אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּנְטֶער אִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין אוּנְזֶער נֵייעֶר בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין לִינְדֶען נְיוּ דְשֶׁערְזִי, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ חֲנֻכַּת הַבַּיִת אוּן אַ סִיּוּם אוֹיף הַאלְבּ שַׁ״ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, **מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל בַּאזוּכְן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין צַייט צוּ קוּמֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; יֶעצְט מוּז אִיךְ זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף דִי הַצְלָחָה פוּן דִי יְשִׁיבָה.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גְרִיסְן פוּן חֵדֶר זֶענֶען זֵייעֶר גוּט, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען צוּפְרִידְן, דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ וִוי פַארְאַיָאר, מֶען זֶעט אִין שְׁטוּבּ וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר; מֶען זֶעט אוֹיפְן קִינְד

אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטְרֶענְגֶע סֵדֶר אִין חֵדֶר מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

בְּנוֹגֵעַ קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אִין חֵדֶר אָן מַאנְטְלֶעךְ, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן אוֹיב דָאס הָאט מִיט דִיר; אַוַדַאי הָאט דָאס מִיט דִיר, יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיט דִי גֶעזוּנְט אוּן זִיכֶערְהֵייט פוּן דִי קִינְדֶער - לִיגְט אוֹיף דִי מוֹסָד, אוּן אַז עֶס וֶוערְט קַאלְט, קִינְדֶער קוּמֶען אָן מַאנְטְלֶעךְ - הָאט דָאס מִיט דִי מוֹסָד, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאב אַסַאךְ אַרְבֶּעט, עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס אִיךְ וֶועל קֶענֶען קוּמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ רֶעדְן פַאר דִי מְלַמְדִים, אִיךְ וֶועל אָנְגְרֵייטְן שִׁיעוּרִים אוּן דִיר עֶס שִׁיקְן אוּן דוּ זָאלְסְט אֵיינְמָאל אַ וָואךְ צוּזַאמְעֶנְעמֶען דִי מְלַמְדִים אוּן זֵיי גֶעבְּן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף אַז דָאס וֶועט זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן זַיין כְּאִילוּ אִיךְ בִּין פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעקוּמֶען רֶעדְן מִיט זֵיי.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן דִי שִׁיעוּר פַאר בֵּית פֵיגָא אוּן דָארְט זָאל מֶען אוֹיךְ צוּזַאמְעֶנְעמֶען דִי לֶערֶערִינְס אֵיין מָאל אַ וָואךְ אוּן זֵיי גֶעבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי קֶען אִיךְ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ אָן אַ מִקְוֶה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיֵרָא, י״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

לָאז מִיר ווִיסְן ווִיפִיל גֶעלְט דַארְף מֶען צוּ עֶנְדִיגְן דִי מִקְוֶה אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין דִי ווִילִידְזְשׁ.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז מֶען מַאכְט אַ גֶעגְנְט אָן אַ מִקְוֶה; לֹא לְזֹאת הָיְתָה כַּוָנָתִי, אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן הָאבְּן הַייזֶער אָן טָהֳרָה; וֶוער דַארְף אַ הוֹיז? וֶוער דַארְף ווִאוֹנֶען אוֹיף אַפָּאר עֶיקֶער? אָן יִרְאַת שָׁמַיִם אָן טָהֳרָה - אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, 'הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה אוֹמְרִים לוֹ גְּמוֹר', הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי נֵייעֶ גֶעגְנְט, עֶס אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט צְוֵויי מִנְיָנִים מִשְׁפָּחוֹת, אַ שׁוּל אִיז דָא, מִיט אַ גוּטֶע לוּפְט, דִי אַחְדוּת אִיז דָארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, גוּטֶע גַבָּאִים, אָבֶער מִיר שְׁטֶערְט אַז אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן נִישְׁט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה, עֶס מוּז זַיין טָהֳרָה.

דֶער גַבְּאַי יִשְׂרָאֵל חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר לַאדְנְט מִיךְ, עֶר ווִיל אִיךְ זָאל קוּמֶען אַהִין אוֹיף שַׁבָּת מְחַזֵק זַיין דִי גֶעגְנְט, אָבֶער ווִי קֶען אִיךְ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ אָן אַ מִקְוֶה? !

לָאז מִיר ווִיסְן ווִיפִיל גֶעלְט מֶען דַארְף, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן שַׁאפְן גֶעלְט צוּ עֶנְדִיגְן דִי מִקְוֶה.

אוּן אוֹיף ווַייטֶער זָאלְסְטוּ ווִיסְן, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי מַאכְן אַ גֶעגְנְט פוּן אִינְגֶעלַייט אָן קַיין מִקְוֶה. מִקְוֶה אִיז ווִיכְטִיגֶער ווִי הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע מַצָּה בֶּעקֶערַיי, מַצּוֹת קֶען מֶען קוֹיפְן בַּיי אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת; שַׁבָּת מוּז זַיין אַ מִקְוֶה, אִינְגֶעלַייט זָאלְן זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'

## יואל רוטה

שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

**718·387·2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com